# איז עס שוין
# חנוכה?



TORAHUMESORAH

חזקי האט זיך אויפגעוועקט פרי איין טאג.



ער האט געקוקט אויף חי' און געפרעגט,
"איז עס שוין חנוכה?"

"ניין, חזקי," האט חי' געזאגט.
"ערשט דארפן מיר גיין איינקויפן."



חזקי און חי׳ זענען געגאנגען צו די געשעפט. זיי האבן געקויפט אויל, דריידלעך, קארטאפל, און לעכט.



"איז עס שוין חנוכה?"
האט חזקי געפרעגט.

"ניין, חזקי," האט חי' געזאגט."ערשט
דארפן מיר מאכן לאטקעס."



חזקי און חי' זענען אריין אין די קאך צוצוגרייטן די לאטקעס. זיי האבן געשיילט די קארטאפל, געהאלפן באקוקן די אייער, אריינגעגאסן די אויל, און אלעס צאמגעמישט. דערנאך, האבן זיי אריינגעלייגט די לאטקעס אין די טאפ.



"איז עס שוין חנוכה?"
האט חזקי געפרעגט.

"ניין, חזקי," האט חיי' געזאגט.
"ערשט דארפן מיר אנפילן די donuts."



חזקי און חי' האבן געוואשן זייערע הענט. זיי האבן אנגעפילט די donuts מיט chocolate, custard, און jelly!



"איז עס שוין חנוכה?"
האט חזקי געפרעגט.

"ניין, חזקי," האט חי' געזאגט.
"ערשט דארפן מיר פיצן די מנורה."



חזקי און חיי׳ האבן געפיצט די מנורה ביז עס האט געגלאנצט. זיי האבן עס אנגעגרייט ביי דער פענסטער.



„איז עס שוין חנוכה?"
האט חזקי געפרעגט.

„ניין, חזקי," האט חי' געזאגט.
„ערשט דארפן מירווארטן ביז עס ווערט
טונקל אינדרויסן."



חזקי און חי' האבן געווארט און געווארט און געווארט.
ענדליך איז די זון אונטערגעגאנגען און עס איז געווארן
טונקל.



"אהה....!" האט חזקי געזאגט.
"יעצט קענען מיר אנצינדן די מנורה."



חזקי און חי' האבן געזאגט די ברכות הויך און קלאר. זיי האבן אנגעצינדן איין לעכט אויף די מנורה און געזינגען "מעוז צור."



„איז עס שוין חנוכה?"
האט חזקי געפרעגט.

„יא, חזקי," האט חי' געזאגט.
„יעצט איז שוין חנוכה!"

א פרייליכן חנוכה!






ADAPTED FROM "IS IT SHABBOS YET?" BY ELLEN EMERMAN
ILLUSTRATED BY TOVA LEFF COPYRIGHT 1990 HACHAI PUBLISHING
USED WITH PERMISSION.

everyschool. everyteacher everychild.
TORAHUMESORAH